# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת נשא, י"א סיון, אבות פרק א', שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 10, גליון 33 (500)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:55
מוצאי שב"ק......................9:26

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..............יחזקאל ל"ב-ל"ג
בבלי.........................יומא מ"א
ירושלמי.............כתובות ס"ו
תוספתא..........................נדה ד'
רמב"ם................שבועות ה'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

זֹאת עֲבֹדַת מִשְׁפְּחֹת הַגֵּרְשֻׁנִּי לַעֲבֹד וּלְמַשָּׂא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קס"ה) אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט רֶעדְן פוּן זַיין גְרוֹיסְקֵייט, פוּן דִי גְרוֹיסֶע מַעֲלוֹת אוּן מַדְרֵיגוֹת צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, הָאט עֶר אַלְץ צוּגֶעלֵייגְט, "אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעהָארֶעוֶועט". דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט רֶעדְן פוּן זַיין גְרוֹיסְקֵייט כְּדֵי מִיר זָאלְן אִים מְקַנֵא זַיין, אַז מִיר זָאלְן אִים וֶועלְן נָאכְמַאכְן. אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט אַסַאךְ פוּן זַיין גְרוֹיסְקֵייט אוּן אֵיינֶער הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "וֶוער קֶען דֶען צוּקוּמֶען צוּ אַייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת? אִיר הָאט דָאךְ זִיכֶער גָאר אַ הוֹיכֶע נְשָׁמָה", הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֵּייזֶערְט אוֹיף דֶעם, עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "דָאס אִיז אֵייעֶר פְּרָאבְּלֶעם, אַז אִיר מֵיינְט אַז צַדִיקִים זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת צוּלִיבּ דִי גְרוֹיסֶע נְשָׁמָה וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט, דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט אֱמֶת, יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען צוּקוּמֶען צוּ מַמָשׁ דִי זֶעלְבֶּע מַדְרֵיגוֹת וִוי מִיר, דֶער עִיקָר וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין וִויפִיל כּוֹחוֹת מְ'לֵייגְט אַרַיין, אִין וִויפִיל מְ'הָארֶעוֶועט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט פוּן אַסַאךְ זִיךְ פְּלָאגְן אוּן הָארֶעוֶוען, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעמֵיינְט דֶערְמִיט צוּ פַאסְטְן תַּעֲנִיתִים אוּן זִיךְ פַּיינִיגְן, פַארְקֶערְט, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מְ'זָאל פַאסְטְן קַיין אִיבְּרִיגֶע תַּעֲנִיתִים וָואס שְׁטֵייט נִישְׁט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זִיךְ צוּ פַּיינִיגְן דֶעם גוּף מִיט אַנְדֶערֶע סָארְט עֲבוֹדוֹת, נָאר עֶר הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז מְ'זָאל הָארֶעוֶוען אִין תּוֹרָה אוּן אִין תְּפִלָּה, זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ פְּלָאגְן צוּ אִינְזִין הָאבְּן דִי פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת בַּיים דַאוֶונֶען.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם, "עֶס אוּן שְׁלָאף, נָאר הִיט דִי צַייט", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מְ'זָאל עֶסְן צוּ דִי זֶעט, שְׁלָאפְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן דַאן וֶועט מֶען הָאבְּן אַ קְלָארְן קָאפּ, אוּן מְ'וֶועט קֶענֶען אַרַיינְלֵייגְן אַלֶע כּוֹחוֹת אִין עֲבוֹדַת ה'. עֶס נֶעמְט אַסַאךְ כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער'ן יֵצֶר הָרַע אוּן זִיצְן אוֹיף אֵיין פְּלַאץ אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, ס'אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גְרִינְג זִיךְ אָנְצוּשְׁטְרֶענְגֶען אִינְזִין צוּ הָאבְּן דָאס דַאוֶונֶען, אוּן זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן דָאס גַאנְצֶע הַארְץ מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, ס'אִיז נִישְׁט גְרִינְג זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן אוּן נִישְׁט טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט טוּן, אָבֶּער אַז אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר הָארֶעוֶועט אַרַיין אִין עֲבוֹדַת ה' מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, וֶועט עֶר זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הֶעכְסְטֶע אוּן גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

מִיט דֶעם קֶען מֶען טַייטְשְׁן דֶעם פָּסוּק, זֹאת עֲבֹדַת מִשְׁפְּחֹת הַגֵּרְשֻׁנִּי לַעֲבֹד וּלְמַשָּׂא, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זי"ע (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, נָשֹׂא, ד"ה וִישַׁלְּחוּ מִן הַמַּחֲנֶה) זָאגְט אַז גֵרְשׁוֹן אִיז מְרַמֵז אוֹיף אַ צַדִיק, וִוי אַזוֹי הָאבְּן דִי מִשְׁפְּחֹת הַגֵּרְשֻׁנִּי, דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֵייעֶר גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת? דוּרְךְ לַעֲבֹד וּלְמַשָּׂא, זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט אוּן גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף זִיךְ, בִּיז זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען.

דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט אִיז גֶעוֶוען צוּ רֶעדְן זֵייעֶר אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר גֶעפִינֶען אַז תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "עֲבוֹדָה", וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית ב.) "אֵיזֶהוּ עֲבוֹדָה שֶׁבְּלֵב, זוּ תְּפִלָּה", וִוי אוֹיךְ וֶוערְט עֶס אָנְגֶערוּפְן מִיט'ן לָשׁוֹן "מַשָּׂא", וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מְלָכִים-ב י"ט, ד') "וְנָשָׂאתָ תְפִלָּה", אוֹיךְ זָאגְט דֶער פָּסוּק (יִרְמְיָה ז, ט"ז) "וְאַל תִּשָּׂא בַעֲדָם רִנָּה וּתְפִלָּה".

דָאס קֶען יֶעדֶער אִיד נָאכְמַאכְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וָואסֶערֶע מַצָב עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, צִי עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְהוֹיבְן אוּן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צִי עֶר פִילְט אַז עֶר אִיז מַמָשׁ טִיף אִין דֶער עֶרְד, אוּנְטֶער דִי הֶערְשַׁאפְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, קֶען עֶר אַלְץ עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן אוֹיסְדֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, זַיין גַאנְצֶע רוּחְנִיוּת אוּן זַיין גַאנְצֶע גַשְׁמִיוּת, אוּן אוֹיבּ וֶועט אַ אִיד זַיין שְׁטַארְק מִיט דֶעם, עֶר וֶועט יֶעדְן טָאג נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּ אִים, וֶועט עֶר זִיכֶער וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

(תּוֹךְ הַנַּחַל נָשֹׂא תשס"ז)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### מְ'הֶערְט מִיךְ אוֹיס?

דִי גְרֶעסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן אִיז דִי עֵצָה פוּן "הִתְבּוֹדְדוּת", אַז אַ אִיד זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ בְּרוּחְנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטֶער פְרַיינְד.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן, עֶס אִיז גְרֶעסֶער אוּן חָשׁוּב'עֶר פוּן אַלֶעס, אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף דֶעם, עֶר פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע מִיטְלֶען אַז אַ אִיד זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ מַאכְן חֲלִישַׁת הַדַעַת פַאר'ן מֶענְטְשׁ, אַיינְרֶעדְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס אוּן עֶר דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן אוֹת י', <<<<<<

## א גוט ווארט

זַייט מְחַזֵק דִי עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ; אַז דִי מַאמֶע אִיז פְרֵיילִיךְ וֶוערְט דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז דִי מַאמֶע וֵויינְט - וֵויינֶען אַלֶע. דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶע מַאמֶע - וַואקְסְן אוֹיף דֶערְבִּיטֶערְט.

מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ' הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹי וָואס וֶוען עֶס הָאט גֶערֶעגְנְט פְלֶעגְט זִי זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויינֶען, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פַארְוָואס זִי וֵויינְט, דִי פְרוֹי אַלֵיינְס הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט פַארְוָואס זִי וֵויינְט; זִי פְלֶעגְט זַיין אִין אַ פְרֵיילִיכֶע גוּסְטֶע אוּן וִוי נָאר עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְן רֶעגְענֶען פְלֶעגְט זִי זֵייעֶר וֵויינֶען, בִּיז מֶען הָאט אוֹיסְגֶעפוּנֶען דֶעם סוֹד, אִיר מַאמֶע פְלֶעגְט הָאבְּן פַּרְנָסָה פוּן וַואשְׁן וֶועשׁ, וֶוען עֶס הָאט גֶערֶעגְנְט הָאט זִי נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְטְרוּקֶענֶען דִי וֶועשׁ, זִי הָאט פַארְלוֹירְן פַּרְנָסָה אִין דִי טֶעג, זִי פְלֶעגְט אַזוֹי וֵויינֶען וֶוען עֶס הָאט גֶערֶעגְנְט; יָארְן אִיז אַרִיבֶּער, דִי פְרוֹי אִיז שׁוֹין לַאנְג גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וֵויינֶען נָאךְ עַד הַיּוֹם הַזֶּה.

(עֶצָתוֹ אֱמוּנָה בַּמִּדְבָּר תשפ"א)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

# צֶעדְרוּקְט צְוִוישְׁן שְׁוִויגֶער אוּן שְׁנוּר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּהַר-בְּחוּקוֹתַי, כ״ג אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

מוֹהֲרָא״שׁ פְּלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן אִיבֶּער דֶעם אַז שְׁוִויגֶער אוּן שְׁנוּר קוּמֶען זִיךְ עַל פִּי רוֹב נִישְׁט אוֹיס, אַ שְׁוִויגֶער הָאט נִישְׁט אַזוֹי לִיבּ דִי שְׁנוּר מִכַּמָּה טַעֲמִים. וָואס פַּאסִירְט? דֶער מַאן וֶוערְט צֶעדְרוּקְט, פוּן אֵיין זַייט הָאט עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט, דַארְף עֶר לֶעבְּן מִיט דִי וַוייבּ, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט עֶר דָאךְ זַיין מַאמֶע, דִי מַאמֶע זָאגְט אִים אֵיין זַאךְ אוּן דִי וַוייבּ זָאגְט פַּארְקֶערְט, דִי וַוייבּ רֶעדְט אוֹיף דִי מַאמֶע אוּן דִי מַאמֶע רֶעדְט אוֹיף דִי וַוייבּ, אוּן דֶער אִינְגֶערְמַאן וֶוערְט צוּדְרִיקְט, וָואס טוּט מֶען?

דִי קוּנְץ אִיז צוּ קֶענֶען גֵיין צְוִוישְׁן דִי טְרָאפְּן; נִישְׁט יֶעדֶע שְׁלֶעכְטֶע וָוארְט וָואס מֶען הֶערְט פוּן דִי מַאמֶע - דַארְף מֶען אִיבֶּערְזָאגְן אִין שְׁטוּבּ, אוּן נִישְׁט וָואס דִי וַוייבּ רֶעדְט שְׁלֶעכְטְס דַארְף מֶען אִיבֶּערְזָאגְן פַאר דִי מַאמֶע. מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן שָׁלוֹם, מֶען מֶעג זָאגְן פַארְקֶערְט מִפְּנֵי הַשָּׁלוֹם; פַאר דִי וַוייבּ זָאגְט מֶען: ״מַיין מַאמֶע הָאט דִיר זֵייעֶר לִיבּ״, אוּן פַאר דִי מַאמֶע זָאגְט מֶען: ״מַיין וַוייבּ זָאגְט מִיר אַלְץ וָואס פַאר אַ גוּטֶע מַאמֶע אִיךְ הָאבּ״; וֶוער עֶס קֶען גוּט שְׁפִּילְן דֶעם שְׁפִּיל - דֶער וֶוערְט נִישְׁט צֶעדְרוּקְט, דֶער לַאכְט זִיךְ גוּט אוֹיס.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ זַיין גֶעטְרֵיי פַאר דַיין וַוייבּ, פַאר אִיר זָאלְסְטוּ זָאגְן: ״אִיךְ בִּין מִיט דִיר, אִיךְ וֶועל טוּן נָאר וָואס דוּ זָאגְסְט״, אוּן וֶוען דוּ רֶעדְסְט מִיט דַיין מַאמֶע זָאלְסְטוּ אִיר גֶעבְּן גֶערֶעכְט, אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צֶעדְרוּקְט.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, לַאךְ זִיךְ גוּט אוֹיס, נֶעם זִיךְ נִישְׁט צוּם הַארְצְן; דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: ״וֶועלְטֶעלֶע וֶועלְטֶעלֶע, בִּיסְט נִישְׁט וֶוערְד קַיין קְרֶעכְץ״; דָאס אִיז זֵייעֶר אַ טִיפֶער וָוארְט, אַ שָׁאד צוּ קְרֶעכְצְן אוֹיף וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן. אָט אִיז מֶען דָא - אָט אִיז מֶען שׁוֹין אִין בֵּית הַקְּבָרוֹת, אִיז דָאךְ אַ שָׁאד דִי דַאֲגוֹת אוּן הַארְץ עֶסֶענִישׁ, אִין דִי צַייט דַארְף מֶען אַרַיינְכַאפְּן נָאךְ אַ בְּלַאט גְמָרָא, נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, נָאךְ אַ שַׁחְרִית, נָאךְ אַ מִנְחָה מַעֲרִיב; דָאס אִיז יָא, דָאס אִיז חָשׁוּב, דָאס וֶועט בְּלַייבְּן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי תשפ״א)

>>>>>>

״ב) אַז אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן פְלֶעגְט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, עֶר פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז אַדוּרְךְ אוֹיף אִים בְּגַשְׁמִיוּת אוּן בְּרוּחֲנִיוּת, אוּן אַלֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט הָאבְּן. וָואס עֶס הָאט אִים גֶעפֶעלְט, הָאט עֶר אַלֶעס דֶערְצֵיילְט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף פָּשׁוּט אִידִישׁ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד.

עֶס הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעמַאכְט אַסַאךְ מָאל וָואס עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַסַאךְ מָאל אַז עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס וִוי עֶר טוּט עֶפֶּעס אוֹיף דֶערְמִיט, אוּן מִן הַסְתָּם וִויל אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, אוּן עֶר דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן.

אַזוֹי וַוייט אַז צוּמָאל הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי מִי אוּן פְּלָאג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים סַיי וִוי נִישְׁט, עֶר הֶערְט אִים סַיי וִוי נִישְׁט אוֹיס. אָבֶּער נָאךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אִיבֶּערְגֶעטְרַאכְט, אַז עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אַן אָב הָרַחֲמָן, עֶר הֶערְט זִיכֶער אוֹיס זַיינֶע תְּפִלּוֹת. אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ וַוייטֶער גֶעשְׁטַארְקְט, אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט, אַז אַלֶע מַדְרֵיגוֹת צוּ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען, אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אִיז נָאר גֶעוֶוען דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אוּן וֶוען עֶר וָואלְט גֶעוואוּסְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ וָואס מֶען קֶען אַלְץ צוּקוּמֶען דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעפַּאסְט אוּן זִיךְ מְסַגֵּף גֶעוֶוען, עֶר וָואלְט נָאר גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶער אוּן מֶער, עֶר וָואלְט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אֵיין טָאג וִויפִיל עֶר הָאט גֶערֶעדְט אִין אַ יָאר.

דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חִיזּוּק, וֶוען מֶען זֶעט אַז דֶער רֶבִּי אַלֵיין אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דִי זֶעלְבֶּע נִסָּיוֹן, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעשְׁפִּירְט וִוי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט אוּן קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אָבֶּער זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן עֶר אִיז וַוייטֶער אָנְגֶעגַאנְגֶען, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר נָאכְדֶעם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת. אוּן דָאס דַארְף יֶעדֶער אִיד נָאכְמַאכְן.

## אַ גַאנְצְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת?

דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן ח״ב סִימָן צ״ו) אַז עֶר וִויל אַז זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט מֶעגְלִיךְ, וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶס אִיז דָא אַסַאךְ אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס מֶען דַארְף טוּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף עֶסְן, טְרִינְקֶען, לֶערְנֶען, דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר דַארְף אוֹיךְ עוֹסֵק זַיין אִין פַּרְנָסָה, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען דַארְף אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען טוּן וַוייטֶער אַלֶעס וָואס מֶען טוּט גֶעוֶוענְלִיךְ דוּרְכְ׳ן טָאג, נָאר וָואס מֶען טוּט זָאל מֶען טוּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי אוּן מֶען זָאגְט מוֹדֶה אֲנִי, זָאל מֶען גְלַייךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל הַיינְט הָאבְּן אַ גוּטֶע גֶעשְׁמַאקֶע טָאג, רַאטֶעוֶוע מִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל הַיינְט אַרַיינְכַאפְּן אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים״ א.א.וו.

אוּן אַזוֹי אַ גַאנְצְן טָאג, סַיי וָואס מֶען טוּט, זָאל מֶען טוּן נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט, בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל מַצְלִיחַ זַיין דֶערְמִיט. בִּיז וֶוען מֶען גֵייט שְׁלָאפְן, בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל גֵיין שְׁלָאפְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַזוֹי קֶען מֶען מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז מֶען זָאל אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַ שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת?

מֶען זֶעט אִין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ צוּ זַיין חַבֵר אוּן זָאגְט אִים: ״אִיךְ וִויל רֶעדְן מִיט דִיר אַ שָׁעָה״, וֶועט אִים דֶער חַבֵר זָאגְן: ״אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַזוֹיפִיל צַייט צוּ רֶעדְן אַ שָׁעָה״, אוֹיבּ אָבֶּער וֶועט מֶען סְתָּם אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן אָן קַיין בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט, דַאן קֶען זִיךְ פַארְצִיעֶן אַ שְׁמוּעֶס אֲפִילוּ פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִימּוּד פַאר אוּנְז אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָפּ אַז עֶר גֵייט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ שָׁעָה, וֶועט עֶר גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעדוּלְד צוּ רֶעדְן בִּכְלַל, וֶוען מֶען הֵייבְּט אָבֶּער אָן רֶעדְן עֶטְלִיכֶע דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען זִיךְ עֶס יָא פַארְצִיעֶן לֶענְגֶער, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס בְּלַייבְּט נָאר בַּיי עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער, אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן אוּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע טְרִיט אוּן שְׁרִיט וָואס מֶען טוּט, דַאן פוּן דִי קוּרְצֶע דִיבּוּרִים וָואס מֶען רֶעדְט דָא אוּן דָארְט, וֶועט זִיךְ צוּזַאם קְלַייבְּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג אַ שָׁעָה, אוּן אֲפִילוּ מֶער, וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אַ שְׁטִיק רוּחְנִיוּת

אֵיינְמָאל מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, דַאן וֶוערְט דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אֵיין שְׁטִיק רוּחְנִיוּת, אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער. וַוייל אֲפִילוּ דִי גַשְׁמִיוּת׳דִיגֶע זַאכְן שְׁמוּעֶסְט מֶען אוֹיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוערְט אַ שְׁטִיק רוּחְנִיוּת.

אַזַא מֶענְטְשׁ וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט פִילְן אַז עֶר אִיז אַלֵיין, אָדֶער אַז עֶר אִיז נִישְׁט אוֹיפְ׳ן פְּלַאץ, וַוייל וואוּ עֶר אִיז, אִין וָואסֶערֶע מַצָּב עֶר אִיז, וֶועט עֶר וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, אוּן עֶר וֶועט אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט מֶען זֵייעֶר חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעהַאט אַזוֹיפִיל אִיבְּרִיגֶע צַייט, דָא בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ׳ן גַאס, דָא הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט וַוארְטְן אוֹיף אֵיינֶעם, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אִין דִי צַייט גֶעקֶענְט אַרַיינְכַאפְּן אַפָּאר דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן״, יֶעדֶע קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה פַארְן מֶענְטְשׁ, וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְרַשֵּׁל אִין דֶעם, נָאר וַוייל עֶר מֵיינְט אַז עֶס אִיז נָאר חָשׁוּב אוֹיבּ מֶען רֶעדְט אַ לֶענְגֶערֶע

<<<<<<

>>>>>>
שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שֵׂכֶל אוּן נוּצְט אוּיס דִי צַייט, עֶר כַאפְּט אַרַיין צוּ רֶעדְן יֶעדְן טָאג צוּ רֶעדְן כָאטְשׁ עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים זִיכֶער גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרַ"שׁ ח"ב וח"ד עֶרֶךְ הִתְבּוֹדְדוּת)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קה)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: רֶבִּי נָתָן מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים פָארְן קַיין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.**

**תא**

דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי אַלֶע אַרַיין צוּזַאמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דַאן הָאט רֶבִּי נָתָן גְלַייךְ דֶערְקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אִים גֶעזָאגְט אִין חָלוֹם, "דְרַאפֶּע זִיךְ, אוּן הַאלְט זִיךְ".

זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם פַארְ'ן רֶבִּי'ן, וְוִי סְ'אִיז אַיינְגֶעפִירְט, אוּן יֶעדֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְלֵייגְן זַיין יִחוּס פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן, וַוייל ר' נַפְתָּלִי אִיז גֶעוֶוען אַ יַחְסָן, אַן אֵיינִיקֶל פוּן רֶבִּי'ן פוּן סְקָאהְל, אוּן ר' לֵייבּוּשׁ אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ יַחְסָן. הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אַלֶע גוּטֶע אִידְן".

דֶערְנָאךְ הָאט רֶבִּי נָתָן אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְרֶעכֶענֶען זַיין יִחוּס, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז אַ קָרוֹב מִיט אִים, וַוייל זַיין שְׁוֶוער רֶבִּי דָוִד צְבִי זי"ע אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִיקְל מִשְׁפָּחָה מִיטְ'ן זֵיידְן פוּן רֶבִּי'ן, רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זי"ע. הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דֶערוֹיף, "מִיר קֶענֶען זִיךְ שׁוֹין פוּן לַאנְג, נָאר מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט זִיךְ נִישְׁט גֶעזֶען".

**תב**

אִינֶעם שְׁמוּעֶס הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי דֶערְצֵיילְט דְרֵיי מַעֲשִׂיוֹת:

דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲשֶׂה פוּן הרה"ק רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן נֶעשְׁכִיז זי"ע, אַז אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אֵיינֶער פוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אוּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ זֵייעֶר מִיט פַּרְנָסָה, עֶר הָאט נִישְׁט צוּ צָאלְן דִירָה גֶעלְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. הָאט אִים דֶער צַדִיק גֶעזָאגְט, "אִיךְ וִויל אַז דִי גַאנְצֶע הוֹיז וואוּ דוּ וואוֹינְסְט יֶעצְט, זָאל בַּאלַאנְגֶען פַאר דִיר אַלֵיין!"

דָאס הוֹיז אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע הוֹיז מִיט אַסַאךְ דִירוֹת אוּן אַסַאךְ שְׁכֵנִים, אוּן אוֹיךְ אַ דִירָה צוּ פַארְדִינְגֶען, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט צוּ הֶערְן וָואס דֶער צַדִיק זָאגְט אִים, וְוִי אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען אָפְּקוֹיפְן דָאס גַאנְצֶע הוֹיז?! עֶר הָאט דָאךְ זִיךְ יֶעצְט אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה בִּכְלַל, עֶר קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט צָאלְן זַיין בִּיסְל דִירָה גֶעלְט.

עֶר הָאט אָבֶּער גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנַת חֲכָמִים אִין וָואס זַיין רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ גֶעזֶעגְנְט פוּן זַיין רֶבִּי'ן אוּן אִיז אַהֵיימְגֶעפָארְן מִיט פִיל הָאפֶענוּנְג, אַז סְ'וֶועט זִיכֶער מְקוּיָם וֶוערְן זַיין רֶבִּינְ'ס רֵייד.

נָאךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּן דֶעם הוֹיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, אוּן סְ'אִיז הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת צְוִוישְׁן דִי יוֹרְשִׁים, זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְגְלַייכְן וְוִי אַזוֹי צוּ צֶעטֵיילְן דִי יְרוּשָׁה. אִינְצְוִוישְׁן אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען דִי הַצְלָחָה פוּן דֶעם הוֹיז, וַוייל אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן וֶוער סְ'הָאט גֶעקוֹיפְט דֶעם הוֹיז אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן אַזוֹי אִיז אַרוֹיס אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף דֶעם הוֹיז אַז סְ'הָאט זִיךְ דָארְט אַרַיינְגֶעכַאפְּט דִי נִישְׁט גוּטֶע, דִי שְׁכֵנִים הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּבִּיסְלֶעךְ זִיךְ אַרוֹיסְצוּצִיעֶן פוּנֶעם הוֹיז, בִּיז סְ'אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִינְגַאנְצְן לֵיידִיג.

מְ'הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט דָאס הוֹיז צוּם פַארְקוֹיפְן, קֵיינֶער

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וְוִי אַזוֹי כַאפּ אִיךְ זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין זִיךְ מוֹדֶה וּמִתְוַדֶּה, אִיךְ בִּין לֵיידֶער אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן דוּרְךְ שְׁלֶעכְטֶע כֵּלִים, לֵיידֶער בִּין אִיךְ שׁוֹין דוּרְךְ אַ שְׁוֶוערֶע דֶעפְּרֶעסְיֶע, אוּן יֶעצְט זוּךְ אִיךְ אַ וֶועג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וִויל וֶוערְן עֶרְלִיךְ. וְוִי אַזוֹי מַאכְט מֶען דָאס?

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ז אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס עֶרְשְׁטֶע דַארְפְסְטוּ וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן". אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטְס גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא לח:): "בָּא לְטַמֵּא פּוֹתְחִין לוֹ", וֶוען אֵיינֶער וִויל זִינְדִיגְן עֶפְנְט מֶען אִים אוֹיף אַ טִיר; בִּפְּשְׁטוּת זֶעט אוֹיס אַז מֶען עֶפְנְט אִים אַ טִיר עֶר זָאל קֶענֶען גֵיין זִינְדִיגְן, דֶער רֶבִּי אִיז אָבֶּער מְגַלֶּה גָאר אַן אַנְדֶערֶע פְּשַׁט, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ט): "בָּא לְטַמֵּא", אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן, "פּוֹתְחִין לוֹ", עֶפְנְט מֶען אִים אַ טִיר, מֶען הֶעלְפְט אִים עֶר זָאל קֶענֶען צוּרִיק קוּמֶען; פוּן הִימְל הָאט מֶען רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים, מֶען וַוארְט עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי וַוייט אַרָאפְּגֶעפַאלְן, דוּ לִיגְסְט נֶעבֶּעךְ אִין דִי טוּמְאָה, זָאלְסְטוּ זֶען וְוִי שְׁנֶעלֶער אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט. שְׁטֶעל זִיךְ פָאר עֶס קוּמֶען רוֹיבֶּערְס אוּן מֶען כַאפְּט דִיר, מֶען טְרָאגְט דִיר אַוֶועק אִין אַ פִינְסְטֶערֶע אָרְט, וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן, וָואלְסְט גֶעבְּלִיבְּן דָארְט? וָואלְסְט גֶעזָאגְט 'וָואס קֶען אִיךְ טוּן, מֶען הָאט מִיר גֶעפַאנְגֶען?' אָדֶער דוּ וָואלְסְט אַלֶעס גֶעטוּן אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דָארְט?

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, זָאג נִישְׁט 'אִיךְ בִּין שׁוֹין פַארְפַאלְן, אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין טוּמְאָה'; הֵייבּ זִיךְ אוֹיף, אַנְטְלוֹיף פוּן דָארְט וְוִי פְרִיעֶר, קוּם צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע חִילוּק אִיז, וֶוען רוֹיבֶּערְס פַאנְגֶען אֵיינֶעם דַארְף מֶען זוּכְן אַ וֶועג אַרוֹיס צוּ לוֹיפְן, אָבֶּער וֶוען מֶען פַאלְט אִין דִי טוּמְאָה דַארְף מֶען סַךְ הַכֹּל נָאר עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן זָאגְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן דִי טוּמְאָה, אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד". אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, זָאג אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג אִים דִי וֶוערְטֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיפְ'ן יֵצֶר הָרַע"**; אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער זָאלְסְטוּ זָאגְן, וֶועסְטוּ זֶען וְוִי עֶס וֶועט זִיךְ בַּיי דִיר אַלֶעס טוֹישְׁן, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ.

וַוארְף אַוֶועק דִי כֵּלִים; אַז מֶען וִויל תְּשׁוּבָה טוּן מוּז מֶען אַוֶועק וַוארְפְן דִי זַאכְן, אַז נִישְׁט אִיז דָאס אַזוֹי וְוִי אַ טָמֵא'נֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אִין מִקְוֶה אוּן הַאלְט אָן אַ טוֹיטֶע שֶׁרֶץ, אוֹיף דֶעם זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (תַּעֲנִית טז.): "אָדָם שֶׁתּוֹפֵס שֶׁרֶץ בְּיָדוֹ, אֲפִלּוּ טוֹבֵל בְּכָל מֵימוֹת שֶׁבָּעוֹלָם לֹא עָלְתָה לוֹ טְבִילָה, זְרָקוֹ מִיָּדוֹ כֵּיוָן שֶׁטָּבַל בְּאַרְבָּעִים סְאָה מִיַּד עָלְתָה לוֹ טְבִילָה", אֲפִילוּ עֶר וֶועט זִיךְ טוֹבְלְ'ן אִין אַלֶע וַואסֶערְן פוּן דִי וֶועלְט וֶועט עֶר בְּלַייבְּן טָמֵא.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, מִשְׁנַיוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ; מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע רָאסְט וָואס קְלֶעבְּט זִיךְ אָן פוּן עֲבֵירוֹת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בַּמִּדְבָּר תשפ"א)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

הָאט עֶס אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט אָפְּקוֹיפְן צוּלִיבּ דִי שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען, אַזוֹי הָאט דִי פְּרַייז צוּבִּיסְלֶעךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרָאפְּצוּגֵיין מֶער אוּן מֶער, בִּיז מְ'הָאט עֶס גֶעקֶענְט קוֹיפְן פַּאר מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט.

דֶעמָאלְט הָאט דֶער אִיד זִיךְ דֶערְמַאנְט פוּן דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין רֶבִּי'ן, הרה"ק רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן נֶעשְׁכִיז זי"ע, וָואס הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אִיךְ וִויל אַז דִי גַאנְצֶע הוֹיז וואו דוּ וואוֹינְסְט יֶעצְט, זָאל בַּאלַאנְגֶען פַאר דִיר אַלֵיין!", אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן אָפְּגֶעקוֹיפְט דָאס הוֹיז פַאר גָאר בִּילִיג, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּרִיק צוּ קוּמֶען דִי הַצְלָחָה צוּם הוֹיז, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען דָארְט, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר.

עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן צוּ דֶערְצֵיילְן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַן עוֹשֶׁר. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעוָואלְט אַהֵיימְפָארְן, אוּן אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען גֶעזֶעגְעֶנֶען פוּן זַיין רֶבִּי'ן, עֶר הָאט אָבֶער גֶעזֶען אַז דֶער רֶבִּי גֶעזֶעגְנְט זִיךְ נִישְׁט מִיט אִים וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן דִי תְּנוּעוֹת פוּן זַיין רֶבִּי'ן אַז סְ'שְׁמֶעקְט אִים נִישְׁט עֶר זָאל אַהֵיימְפָארְן, הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט אַהֵיימְצוּפָארְן, אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבְּן.

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל, יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען זִיךְ גֶעזֶעגְעֶנֶען, הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין רְשׁוּת אַהֵיימְצוּפָארְן, אַז דֶער רֶבִּי הַאלְט אַז סְ'אִיז נִישְׁט גוּט פַאר אִים אַהֵיימְצוּפָארְן, עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר אַהֵיימְגֵיין וֶועט עֶר אוֹיךְ שְׁטַארְבְּן, אַזוֹי וִוי דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים פוּן דֶעם הוֹיז, אִיז עֶר וַוייטֶער גֶעבְּלִיבְּן בַּיי זַיין רֶבִּי'ן, אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ עֶס גֶעצוֹיגְן פַאר גַאנְצֶע דְרַייצְן יָאר. [דֶער רֶבִּי הָאט דַאן דֶערְצֵיילְט, אַז זַייעֶנְדִיג אִין הוֹיז פוּן הרה"ק רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן נֶעשְׁכִיז זי"ע (וִוי דֶערְמַאנְט פְרִיעֶר אִין סִימָן שי"ט) הָאט עֶר נָאךְ בַּאגֶעגְנְט דָארְט דֶעם מֶענְטְשׁ].

וֶוען הרה"ק רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן נֶעשְׁכִיז זי"ע אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, הָאט דֶער אִיד זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אוּן אִיז צוּרִיק אַהֵיימְגֶעפָארְן, אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן.

מִיט דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵיי מְרַמֵז גֶעוֶוען אַז זֵיי זָאלְן זֵייעֶר גוּט צוּלֵייגְן קָאפּ צוּ יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר זָאגְט, אֲפִילוּ וֶוען עֶר רֶעדְט סְתַּם וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, אוּן אֲפִילוּ אוֹיף זַיינֶע תְּנוּעוֹת, זֵיי זָאלְן נִישְׁט מֵיינֶען אַז עֶר רֶעדְט חָלִילָה פָּשׁוּטֶע זַאכְן.

דִי צְוֵוייטֶע מַעֲשֶׂה הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי דֶערְצֵיילְט פוּן הרה"ק רֶבִּי שְׁנֵיאוֹר זַלְמָן פוּן לִיאַדִי זי"ע, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא, אַז עֶר הָאט אַ תַּלְמִיד, רֶבִּי אַהֲר'עֶלֶע פוּן סְטְרַאשֶׁעלֶע, וָואס זָאגְט שׁוֹין אַכְט יָאר תּוֹרָה אוֹיף אֵיין תּוֹרָה פוּן זַיין רֶבִּי'ן.

מִיט דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי מְרַמֵז גֶעוֶוען פַאר רֶבִּי נָתָן, אַז עֶר זָאל אַסַאךְ מְחַדֵשׁ זַיין אִין זַיינֶע תּוֹרוֹת.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# הערליכע יום טוב שבועות אין קרית ברסלב ליבערטי מיט'ן ראש ישיבה שליט"א

גאר א דערהויבענער און פרייליכער יום טוב שבועות האבן אנשי שלומינו מיטגעהאלטן דאס יאר, זייענדיג מיט'ן ראש ישיבה שליט"א אינעם ברסלב'ער שטעטל קרית ברסלב ליבערטי. די חשובע איינוואוינער פון שטעטל האבן ברייט געעפנט זייערע הערצער און זייערע טירן פאר די פילע הונדערטער משפחות וואס זענען געקומען צו פארן אויף יום טוב, מקבל צו זיין די הייליגע תורה פון פריש, אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א.

טייל זענען שוין אנגעקומען אויף שבת קודש, און מיטגעהאלטן דעם שיינעם שבת דרך ארץ, און זיך צוגעגרייט אינאיינעם צום גרויסן יום טוב, פילע אנדערע זענען אנגעקומען נאך שבת, און זיך פלאצירט לענגאויס דעם שטעטל.

נאך די פולע 49 טעג וואס מיר האבן געציילט ספירה, עס האט זיך גערוקט וואס א טאג נענטער און נענטער צו קבלת התורה, האט מען ענדליך זוכה געווען צו דעם תמימות תהיינה, און מ'איז זיך צוזאמקומען אין די גרויסע שול צום דאווענען. די שול האט מען ספעציעל מסדר געווען לכבוד יום טוב צו קענען אריינעמען דעם גאנצען עולם.

נאך מנחה איז דער ראש ישיבה שליט"א צוגעגאנגען צו מעריב, און געדאווענט מיט גרויס געשמאק און השתפכות הנפש. ביינאכט איז דער עולם זיך צוזאמגעקומען צום תיקון ליל שבועות, יעדער האט געלערנט זיינע שיעורים, און אום צוויי אזייגער האט דער גאנצער עולם געזאגט אינאיינעם דעם תיקון, ווען אינצווישן האט מען אויך גוזינגען ווארימע בענקעדיגע ניגונים, זיך בעטנדיג ביים אייבערשטן והאר עינינו בתורתך ודבק לבינו במצותיך. בקדרותא דצפרא איז מען געגאנגען אין מקוה, און דערנאך זיך געגאנגען אביסל צולייגן צו קענען דאווענען אינדערפרי מיט א רואיגן קאפ.

ביי שחרית האט דער גאנצער עולם געזינגען דעם אהבה רבה מיט א געוואלדיגע התעוררות, און דער הערליכער הלל איז געזינגען געווארן מיט גרויס התרגשות, און דאן איז דער עולם ארויסגעגאנגען מקבל פנים זיין דעם נייעם ספר תורה וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט אריינגעגעבן אין שול לכבוד יום טוב.

די ספר תורה איז ארויסגעגאנגען פון שטוב פונעם ראש ישיבה שליט"א, מ'האט געטאנצן אויפ'ן גאס מיט גרויס שמחה לכבודה של תורה, פאר א לענגערע צייט האבן זיך געהויבן די פיס צו טאנצן פאר די הייליגע תורה, און דערנאך איז מען ארויסגעקומען מיט די ספרי תורה פון אינעווייניג מקבל פנים צו זיין די נייע ספר תורה, דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעזאגט "לדוד מזמור" און מ'האט אריינגעלייגט דעם ספר תורה אין היכל.

דערנאך איז מען געגאנגען צו קריאת התורה, דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעזאגט די הייליגע אקדמות מיט גרויס התעוררות, און אויך געליינט די קריאת התורה מיט די עשרת הדברות.

נאכ'ן דאווענען איז פארגעקומען א גרויסער מילכיגער קידוש, דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט איבער דעם וואס מ'עסט מילכיגס, ווי א קליין קינד וואס עסט נאר מילך, צו ווייזן אז מיר זענען יעצט ווי ניי געבוירן, מ'קען אלץ אנהויבן פון פריש מקבל צו זיין די הייליגע תורה און זיך צוריק קערן צום אייבערשטן, און אפילו ווען די מילך איז שוין פארדארבן, קען מען מאכן דערפון פיינע געשמאקע קעז מאכלים, אפילו ווען א איד שפירט זיך אינגאנצן פארדארבן, זאל ער זיך נישט אראפקלאפן, נאר זיך אויפהויבן און צוריק קומען צום אייבערשטן און צו די תורה, און ער וועט זוכה זיין צו גאר שיינע זאכן, און אזוי ווייטער האט דער ראש ישיבה שליט"א מאריך געווען מיט דברי תורה והתחזקות פון וואס דער עולם האט גאר שטארק הנאה געהאט.

נאכמיטאג, נאך מנחה, האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט די "שטר תנאים שבין ישראל לאביהם שבשמים", ווי דער מנהג איז, און דערנאך האט ער ארומגערעדט איבער'ן סדר דרך הלימוד, וואס איז א מתנה פאר אונז פון הייליגן רבי'ן, וואס מיט דעם קען יעדער איד האבן א שייכות מיט די הייליגע תורה, אפילו מ'האט נישט קיין איבריגע צייט צו לערנען, מ'האט נישט די פארשטאנד און געדולד צו קענען לערנען, קען מען אבער זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, און ווען א איד זאגט די הייליגע תורה, וועט ער צום סוף זוכה זיין צו קענען פארשטיין אלעס וואס ער האט געלערנט.

כמעשהו בראשונה כך מעשהו בשניה, אויך דער צווייטער טאג יום טוב איז אריבער מיט גרויס דערהויבנקייט, די תפלות און סעודות און דברי תורה וועלן לאנג געדענקט ווערן ביי אלע באטייליגטע. נאך מנחה איז געווען דער נעילת החג, ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט די שטר כתובה, און דערנאך גערעדט דברי חיזוק ווי אזוי מיטצונעמען דעם יום טוב אויפ'ן גאנצן יאר.

ויום טוב היה עושה בצאתו בשלום מן הקודש, אום מוצאי יום טוב איז מען זיך צוזאמגעקומען אין שול זיך צו פרייען מיט'ן נייעם ספר תורה. פאר לאנגע שעות האט מען געטאנצן בתופים ובמחולות, לעבעדיג און לוסטיג לכבודה של תורה.

דער געהויבענער יום טוב וועט אונז בלייבן אין די ביינער פאר לאנגע יארן, די התחזקות און התעוררות וועט געדענקט ווערן פאר זייער לאנג, און מיט די הייליגע לימודים פון רבי'ן וועלן מיר אלע זוכה זיין צו זיין גרויסע ערליכע אידן.

שישו ושמחו בשמחת התורה!


## עצתו אמונה ביי אייער טיר



סובסקרייבט אייך צו באקומען די "עצתו אמונה" יעדע וואך אויף די פאסט
פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך
זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן
718-387-2691 #3
subscribe@kerenhadfusa.org

## פאמיליע ווינקל

מעשיות פון תפלה, סיפורי צדיקים,
אינטערוויוס, לאנטש ברעיק, שיחות חברים, און
נאך אינטערסאנטס פאר די גאנצע פאמיליע
קול ברסלב
212-444-9191
1, 7

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה מנשה איצקאוויטש הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל breslevcenter@gmail.com



< BreslevCenter.com >

הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע"י הבה"ח משה ווייזער הי"ו, ובמאנסי ע"י הרוצה בעילום שמו